בעזהשי"ת

כל חלב וכל דם לא תאכלו

קונטרס

# הודאת בעל דין

בקונטרס הזה יתברר בבירור גמור האמת לאמיתו, שבעוה"ר אכן אמת הוא שהיו מכשולות גדולות בענין הבשר הנמכר בחזקת "גלאט כשר למהדרין מן המהדרין", ושלא הי' מנוקר כראוי, ושבאמת נכנס לפעמים חתיכות גדולות השייכות לחלקי האחוריים באיטליזי הבשר.

והתועלת שיצא מקריאת הקונטרס הזה הוא:

שכל איש אשר עמדו רגליו על הר סיני, ואשר בוער בקרבו עדיין ניצוץ של יראת שמים, יפריש את עצמו ואת בני ביתו מאכילת בשר "בהמה" כזה אשר כל כשרותו אינו אלא סילוף וזיוף, וסמיית עיניים ואשר "בעלי המכשירים בעצמם מודים על אי כשרותה"

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק'

הק' שלום יודא גראס

אבדק"ק האלמין יצ"ו

ור"מ בכולל בית ישעי'

"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

ברוקלין ניו יארק | שנת תשמ"ז לפ"ק

# הקדמה

שמועה שמענו ותרגז בטנינו, לקול צללו באזנינו, מאנשים אשר לא יודעים או לא רוצים לידע את המציאות המר, המתרחש בענין החלב והדם, ויש כאלו שטוענים, שכל הפרשה הוא רק כעין מחלוקת בין שתי כיתות, וכעין מחלוקת ב"ש וב"ה, וישנם כאלו שאומרים בפה מלא, שאין לאנשים הפשוטים להתערב בין הרבנים, ומעולם הי' כן שהללו אוסרים והללו מכשירים, אין עליו לקבל "חומרות" כל הפוסקים, והלואי שיהיו לו בנים טובים כמו הבעלי מכשירים", (אין זה ליצנות, רק בעו"ה כן שומעין משופרי דשופרי, השם ירחם!).

ואמנם הטענות הללו הם רק לאלו שאינם יודעים בין ימינם לשמאלם כלל וכלל, ואינם רוצים לברר ורק הולכים בסמיית עינים אחר פיתויי שוא של הס"מ וכת דילי', האורב לנפשות נקיות וטהורות.

## כי האמת הברור הוא

שאין כאן ב' שיטות כלל, וכולם בדעה אחת הם:

1. **כולם יודעים ומודים:** שאין שום חזקת כשרות על הבשר ההוא.
2. **כולם יודעים ומודים:** שאכן יצא מתוך החניות הכשרות, בשר שאינו מנוקר, ונמכר בתורת כשר.
3. **כולם יודעים ומודים:** שהרבה חניות שאין להם שום השגחה כלל.
4. **כולם יודעים ומודים:** שאין הקצבים יודעים הלכות ניקור.
5. **כולם יודעים ומודים:** שהי' זמן גדול שלא הי' בנמצא רק שנים היודעים הל' ניקור.
6. **כולם יודעים ומודים:** שלפעמים נשאר אחוריים, ונמכר בתור פנים.
7. **כולם יודעים ומודים:** שנשאר חלב דאורייתא על הבשר.
8. **כולם יודעים ומודים:** שהביאו לפניהם בשר שנשאר עליו חלב דאורייתא.

9. **כולם יודעים ומודים:** שהראו את הבשר עם החלב לעשרות רבנים ומנקרים.

10. **כולם יודעים ומודים:** שלא הניחו להכנס את האיש שהביא את הבשר עם החלב בשעה שדנו על החלב.

11. **כולם יודעים ומודים:** שבאו לדבר ולעורר את הרבנים המכשירים ולא רצו לשמוע.

12. **כולם יודעים ומודים:** שכל התי' שנשמע ברחוב שהמעוררים לא רצו להראות הבשר, בשקר יסודה.

13. **כולם יודעים ומודים:** שהתחננו אצל הקצבים שעכ"פ יעשה תיקון על ששה שבועות.

14. **כולם יודעים ומודים:** ששמעו בפירוש מן בעל המכשיר, שמרמים את העולם ונותנים להם בשר עם סירכות, בתורת "גלאט".

15. **כולם יודעים ומודים:** ששמעו מן בעל מכשיר שני, שלא מניח אף אחד ליכנס לראות את השחיטה.

16. **כולם יודעים ומודים:** שאופן החיתוך באמעריקא שונה מכפי שהי' באירופה.

17. **כולם יודעים ומודים:** שלא הי' המדובר על ענינים התלוי במנהגים.

18. **כולם יודעים ומודים:** שאין השגחה כראוי גם על חשש נבילות וטריפות.

19. **כולם יודעים ומודים:** שעוד בקיץ תשמ"ב יצא כרוז מהמכשירים שישנם חששות גודלות על הבשר.

20. **כולם יודעים ומודים:** שהחלטת האסיפה הגדולה ביום ג' פ' בראשית תשמ"ג. הי' שבעוה"ר ישנם חששות גדולות על הבשר, היפך ממה שפירסמו בה"דער איד".

21. **כולם יודעים ומודים:** שההחלטה היתה ברורה שהמעוררים על הבשר צודקים בעוה"ר.

1. ולא כולם יודעים: מה שהתרחש מתחת להשלחן, שהחליטו כמה נערים מנוערים, שלא לציית להרבנים, והחליטו אחרת, לטשטש המוחות ולפרסם כאילו אין שום יסוד להערעור.

2. ולא כולם יודעים: שלמעשה לא תקנו כלום מה שהחליטו אז הרבנים להשתדל ולנסות עכ״פ לתקן, ולמעשה לא נעשה כלום.

3. ואף אחד לא יודע: איך זה הצליח כל כך מעשה בעל דבר, לטשטש כל כך את המוחות, ולהשתיק בכח גדול ואדיר, ע״י הטעראר החזק, את קולות של הרבנים שיודעים את האמת המר.

4. וכולם יודעים ומודים: שבקרוב ממש נזכה לקול שופרו של משיח, ואז יתגלה לעיני הכל את האמת ואת המציאות המר, בכל הפרשה של ה״כשרות של בשר בהמה״ באמעריקא.

5. ויתגלה לעיני הכל: שאסור הי׳ בהחלט לכל הדיעות ולכל השיטות לאכול בשר הזה.

6. ויתגלה לעיני הכל: החילוק בין אלו שאכלו בשר בהמה לאלו שלא אכלו. והי׳ ביום ההוא יהי׳ ה׳ אחד ושמו אחד

## ועד אז ג״כ עם ה׳ חזקו ונתחזקה!!!
## ואל תגעו, ואל תכניסו שום בשר בהמה לתוך ביתכם
## וצא תאמר לו!!

וכל זה ועוד יותר, יתברר לעיני הקורא בקונטרס דלהלן, אשר הוא רק העתקה פשוטה מתוך הטיע״פ של **האסיפה הגדולה של התאחדות הרבנים שנת תשמ״ג**, שהי׳ בפומבי לעיני הכל, ואין מי שמכחיש אותו, וע״י הקריאה בקונטרס הזה יתברר לך קורא חביב, מה שהרבה אינם רוצים לידע שגם אלו הרבנים שאתה סומך עליהם. גם הם אוסרים את הבשר! והמבין יבין

קונטרס

# הודאת בעל דין

## קטעים מאסיפת הרבנים ביום ג' פ' בראשית תשמ"ג
## נעתק מטעיפ כלשונם ממש

א) העתקנו כאן רק כמה דוגמאות, והרוצה לידע את שאר ההמשך יכול לשמוע את הטעיפ [הוא מפורסם].

ב) מובן שהי' גם וויכוחים ופלפולים בדבריהם, אבל ממה שהעתקנו יבין הקורא בעצמו כל המתרחש די והותר. [עיקר כוונת ההעתקות הי' על הודאות בע"ד עצמם בענינים שאין נפק"מ הוויכוחים].

ג) הדיבורים הם מהרבה רבנים, ולא דברי רב אחד.

ד) היו שם הרבה רבנים נותני הכשר על חניות של בשר, ולפעמים הזכרנו שמותם בשם בעל מכשיר, ואין הכוונה תמיד על בעל מכשיר אחד.

ה) באמצע ענין לא השמטנו רק שמות אנשים וחניות ויש שם נקודות להיכר, וגם לפעמים יש נקודות כשיש איזה תיבה בלתי מובן.

א

דאקאמענט 1

### יש חניות בלי שום השגחה בין ההיימישע

.... דאס קען איך טאקע זאגן כמעט. למשל ס'איז דא בוטשערס, ביי מיר אין ביהמ"ד אליין, פלוצלונג א איד ווערט אבוטשער אן א השגחה און אן גארנישט, וואלט מען געברויכט פון דער אסיפה ארויסקומען מיט שטארקען אויפרוהף, אז אן א השגחה טאר מען נישט קויפן קיין פלייש.

ב

הודאה א'

### עד חודש אייר לא מצא מי שיכול להראות

.... איך בין אליין מודה, ביז דעם חודש אייר האב איך נישט געוואוסט וואס דאס מין ניקור איז. עס שטייט מען מוז דאך לערנען

מתוך, מימוז ווייזן, איך האב נישט געטראפן ווער ס'זאל מיר קענען ווייזן.

הודאה ב'

ג

## לפעמים נשאר 2־3 אינטש מאחוריים ויש קצבים שלא יודעים

.... איך בין דירעקט אראפ געפארן מיט איהם דארט אין ...... [שם המקום, מן החרדים] אין די יאטקע, און מען האט גענומען דארט א פלעיט[1], הייסט עס דא הי, היינט ווייסט דאך דער עולם שוין אביסעל מער, בימים ההם האב איך נאך אויך נישט געוואוסט פון וואס מען רעדט, זייט דעמאלטץ האט דער עולם אביסעל קלארער געמאכט, און ער האט מיר געוויזן אז ... צוויי דריי אינטשעס, קען אמאל אריין קומען צו געשניטען און עס איז דא קצבים וואס זיי ווייסן נישט.

הודאה ג'

ד

## א) כמעט א' מאתנו לא ידע מניקור עד עתה. ב) מצאתי מנקרים שלא ידעו כמה דברים

.... יא נאך אזאך איז יא נתברר געווארן דא ביי די אסיפה פון די מנקרים[2], אז סוכ"ס, די זאך איז דאך אזוי, דאס ענין פון ניקור, איז דאך די **לעצטע דרייסיג יאהר** — איך מיין דער סוף איז דאך געווען, **לאמיר אליין מודה זיין — אז ביז איצט ס' איז געווארן א שטיקל התעוררות, כמעט קיינער פון די רבנים [רב א' מעוררו: זאגט מיך איינער אז ער קען יאן]** אבער, בדרך כלל האט מען נישט געוואוסט דעם ענין פון ניקור, און די אלע מנקרים, ווי אזוי עס איז געווען דער סדר, קיינער איז דאך נישט געגאנגען צו קיין רב לערנען ניקור, צו קענען נעמען קבלה, האט זיך איין מנקר געלערנט ביים צווייטן, **איז ממילא געקענט אויסקומען פארשידענע זאכן, וואס איך מיין איך אליין האב געטראפן מנקרים וואס געוויסע זאכן האבן זיי נישט געכאפט.**

---

1 היפך ממה שפירסמו והכחישו שלא משתמשים בחלק זה הנקרא "פלעי"ט".

2 פי' באסיפה של ההתאחדות א' בהעלותך תשמ"ב.

ה

הודאה ד'

## א) בעצמי מצאתי מנקרים שלא ידעו מזה. ב) הלימוד לא הי' תחת השגחת רבנים

.... דער עיקר זעהט אוים צוויי זאכן, קודם דאס האב איך אליין געטראפן עטליכע מנקרים, איך מיין עטליכע פון די קצבים, וואס האבן זיך נישט געכאפט אויף דעם אז מען לאזט צו אביסעל דארטן נאכן טבור, איך האב אליין געטראפן עטליכע[3], זיי האבן זיך עפעס נישט געכאפט אויף דעם, מען האט איהם אויסגעלערנט אז מען דארף דארט מנקר זיין און ביז אהער קומט דער חלק הפנים, האבן זיי זיך עפעס נישט געכאפט אויף דעם. איך זאג דאך, אזוי ווי ס'איז נישט געגאנגען אונטער די השגחה פון קיין רבנים, דער לימוד.

ו

הודאה ה'

## היו כאלו שלא ידעו

[המדובר מן ניקור חלב דאורייתא]

.... [מדברים מן דיקע טענדערליין] ביי ......... [מקום ידוע מההיימישע] קומט זיכער ... הונדערט פראצענט, גוט איהר ווערט זיך מפלפל זיין אויף א מציאות, עס איז געווען דייקא, שוין גוט איך זאג דאך איהר זענט, אודאי רובא דרובא נישט, איך וויל נאר זאגן אז עס האט געקענט פאסירן ווער עס ווייסט נישט ...... רב וויל אויף דעם מפלפל זיין אז יעדער ווייס, יא נו איז געווען אזעלכע וואס האבן נישט געוואוסט.

ז

הודאה ו'

## היו ממנקרים שלנו שלא ידעו לנקר החלב דאורייתא מהדיקע טענדער ליין — ומהכבד

.... און דער עיקר איז אינטערעסאנט טאקע, דאס וואס מען האט פריהערט גערעדט — איך ווייס נישט ווי אזוי זיי רופן דאס, דייקא, ווייס איך נאך נישט פונקטלעך — דאס הייסט דאס גראבע

---

[3] כל אלו השתמשו בפלעיט, נגד מה שפרסמו שהפלעיט אינו הולך להחניות החרדיות.

**טענדערליין** — הייסט דאס דא הי — טאקע דאס וואס מען האט דערמאנט פריער און דארט צום סוף איז אמאל צוגעשעפעט אשטיקל חלב, **דאס איז טאקע יא חלב דאורייתא לכל הדיעות**, און אפלא אין "גבעת פנחס" ווערט דאס נישט דערמאנט, איך וויים נישט, צו אין אונגארן איז דער סדר געווען אז מען האט נישט גענוצט דאס שטיקל פלייש, למעשה האט עס דער "גבעת פנחס" נישט דערמאנט האלט איך אז דאס איז אפשר די סיבה **וואס האט זיך געטראפן, אזעלכע וואס זיי ווייסן נישט פון דעם אין דעם בין איך דאס תולה**, ווייל געווענדלאך **אונזערע מנקרים** האבן געלערנט דאס ספר, איך מיין ער זאגט נישט אז מען מעג דאס יא, ער רעדט עפעס נישט פון דעם חלק דאס איז איין זאך.

און נאך דעם ביים כבד, **האט זיך אויך געטראפן אזעלכע**, אויך די זעלבע מעשה. אין "גבעת פנחס" ווערט עפעס נישט דערמאנט, אז אין כבד דארף מען אראפנעמען חלב, **האט זיך אויך געטראפן אזעלכע וואס זיי האבן זיך אויף דעם נישט געכאפט.**

### ח

## אין אנו מקבלים אחריות על שגיאה
### [פי׳ הזנחה והתרשלות]

.... איך בין לכאורה געווען מיט׳ן גאנצן ... צו ... איבער געציינגט, אז דאס וואס מען שרייט דארט אין ירושלים, איז בכלל דער "סדר הניקור" — **איך זאג דאך דאס, דאס וואס עפעס אַ מנקר טרעפט א שגיאה דאס איז דאך א צווייטע זאך, פארדעם קען דאך קיינער נישט נעמען קיין אחריות**, אבער אז בדרך כלל, דער סדר הניקור איז נישט גוט, האב איך געהאלטן אז דאס האט נישט קיין מקור[4].

הודאה ז׳

### ט

## ידעו בקיץ מזה שיש מנקרים שלא יודעים כמה דברים המנקרים אין להם קבלה

.... און דעם האט מען אויך געזען, **אז מחמת דעם וואס ס׳ איז נישט**

---

[4] עיין בהקו"ק של התאחדות אחר אסיפת בראשית שלמעשה אין שום סדר ומנהג קבוע.

**דא קיין קבלה פאר די מנקרים**, קען זיין געוויסע מנקרים וואס געוויסע זאכן, **אפשר ווייסן זיי נישט**, נו איז דאך אויך נישט קיין זאך וואס מען דארף שוין גיין תיכף שרייען אז ס׳ איז עק־וועלט[5] מתון מתון, מען האט געהאט א פלאן, **מען האט גערעדט מיט׳ן נשיא כמה פעמים**, תיכף נאך יו״ט וועט מען זיך אוועק זעצן.

י

## אומרים בשם הרבנים הצועקים נגד ההתעוררות שלא יודעים ניקור

.... אויף דעם ארויף, איז דאך נולד געווארן דער בריעף אין התאחדותינו, אז זיי האבן געזאגט אז זיי קענען נישט קיין ניקור, זיי זאגן נישט קיין מיינונג אויפ׳ן ניקור, דייקא דער .......... [א׳ מהחותמים] האט זיך געאקשענט אז דאס זאל מען יא אריין שטעלן אז ער האלט אז אין גרויסווארדיין האט מען נישט גענוצט דאס פלייש נאכ׳ן צלע י״ב. ער האלט אז מען זאל יא שניידן גראד מיט׳ן צלע י״ב. נו, ער מעג דאך זאגן זיין מיינונג.

הודאה ח׳

יא

## א) הראו לרבנים בשר עם חלב דאורייתא. ב) יעצו אותו לא להביאו בפנים אל כל הרבנים. ג) חנות מפורסם בין ההיימישע ואין לו השגחה. ד) מצאו חלב בעוד מקומות.

.... דייקא צופעליג, זאגען **למען האמת**, איצט פריער איז דא געווען א איד **איך קען איהם פון קאנטרי**, א ליטווישער איד די זאך קען זיין איך מיין איך זאג נישט אז ס׳איז נישט ... **א איד א בן תורה, ער האט געברייגגט פון בארא פארק פון א בוטשער סטאר, א שטיק גראבן טענדערליין** — עס מוז נישט זיין קיין, **יא דארט צום סוף איז געווען צוגעלאזט א שטיקל פון דעם חלב הכליות, ס׳ איז אמת ס׳ קען זיין איך זאג נישט אז נישט.**

רבותי איך וועל אייך זאגן אשענערע זאך, **איך מיין ס׳איז נישט קיין זאך וואס מען דארף מפרסם זיין**, איך בין געווען אין א שטאט נישט דא הי דייקא, אונטערוועגנס האב איך שוין אפגעשטיגן איבעראל, דארט א מנקר **וואס איז מנקר דארט שוין פופצען יאר**, איך בין מיך סתם

[5] ואמתי הוא כן "עק וועלט".

געגאנגען, איך בין נישט געגאנגען קוקען דארט. ס'איז מיר נישט אינטערעסאנט געווען, סתם איך טוה דערין האב איך געוואלט הערן וואס דער זאגט וואס יענער זאגט, ווי אזוי מען טוהט דארטן — ווייז מיר א גראבן טענדערליין — **האט ער אויך געוואוסט אז דארטן איז דא חלב, דארט צום סוף. מ'נעמט עס אראפ,** אבער למעשה האט ער כשעורה איבער געלאזט, עס איז געווען צוויי שעורות אויך. זאג איך איהם, אהובי ידידי וואס טוהסטו דאס, האט ער עס אראפגענומען. נו ס'איז דאך א פשוטער חשבון, דארטן האבן זיך די רבנים אויך געהיצט, **א בעל מלאכה אז ער טוהט א זאך טאג איין טאג אויס,** וועו ער **האט נישט אויף זיך קיין מורא בשר ודם קען פאסירן. איך זאג נישט ס'קען נישט פאסירן,** למעשה בין איך נישט געגאנגען דארט אין דער שטאט **קלעפין קיין פלאקאטן,** נאר איך האב מודיע געווען דארטן די רבנים פון דער שטאט, רבותי, אזוי און אזוי, זייטץ מוחל קוקטס ענק בעסער אום.

זאג איך דאך, **איצט פריער איז דא געווען א איד ער האט געוויזן א שטיקעל פלייש, ער האט געפרעגט צו ער זאל אריין ברענגען דאס שטיקל פלייש, דאס איז נישט אינטערעסאנט, זאג איך, ווייל מען גייט דאך ממילא דאס רעדין — עס קען זיין** — איך קען דאך נישט נעמען קיין אחריות אויף דעם — **אין בארא פארק איז דא, איך ווייס וויפיהל בוטשערס, צו איימיצער לאזט נישט איבער א שטיקל חלב, וואס קען איך אויף דעם זאגן, ס'קען זיין,** א זאך וואס ס'איז נישטא קיין השגחה קען זיין, אז יענער ווייס נישט אזאך און אפילו אז ער ווייסט יא, **וויבאלד עס איז נישט געווען קיין השגחה**[6] און ער ווייסט עס אז מען קוקט איהם נישט נאך, קען פאסירן, אין הכי נמי. **אויף דעם זיצט מען דאך און דאס טראכט מען,** רבותי אכלל דאס איז בקיצור.

## יב

## א) בלי ספק יש כאלו שלא יודעים. ב) מחפשים עצה שיעשו מה שכבר כן יודעים.

.... נאכדעם איז די שאלה וואס מען טוהט וועגן דעם, וואס איך

---

[6] אנו יודעים שם החנות, והוא מפורסם בין חנויות המהודרות ואותו בן תורה קנאו לעצמו לאכילה והרבה חנויות כאלו אין להם השגחה, וזה א׳ מן הצעקות.

מיין, איך זאג דאך דאס לדעתי בלי שום ספק, אז ס'איז דא במרחקים[7] פון די שטאט געוויסע וואס זענען עוסק אין ניקור, איך מיין נישט חלילה מנקרים נישט די קצבים וואס זיי ווייסן נישט געוויסע זאכן — ס'איז דא — לכאורה אויף דעם וואלט געווען א עצה מען זאל יעדן פארהערן, און געבן קבלות, און נאכדעם אזוי ווייט עד מקום שידו מגעת, מיקען דאס פארהיטען, אז דאס וואס מען ווייסט יא שוין זאל נישט געשעהן קיין איסר ... לדעתי איז דאס דער פראבלעם.

יג

## באו לדבר עם רב, ולא רצה לשמוע [מטעמים קלושים]

.... נישט ווענן דעם, ס'איז דאך אזוי דער פשט, ס'איז נישט, ווייל מארגן וועט דאך יעדער מאן־דהו, איך וויל דא זאגן יעצט, דאס זאל זאגן ווער עס וויל, ס'איז געסטערן געווען ביי אגרויסן ת"ח א מורה הוראה בישראל, זענען געווען דריי יונגען[8], אריין געקומען זיי ווילען מיט איהם רעדן אין ניקור, האט ער זיי אן געקוקט האט ער געזען איינעם אֶ אֶ.אֶ (בביטול) פארשטייט זיך אז איהר וואלט נישט פון זיין שחיטה, פון זיין ניקור אויך נישט געגעסן, ער וויל מיט איהם מפלפל זיין ניקור, זאל ער דערציילן אז ער וויל, איך קען נישט זאגן ווער, ווער עס וואר, דער שפיעץ איז געווען, אז ער האט זיי געמוזט ארויסווארפן פון שטוב, זיי ווילען, זיי ווילען. און ווער דער מנקר איז ווייס איך פון וויא ער שטאמט און וואו ער איז יעצט אין דינסט, די אלע זאכן.

הודאה ט' יד

## יש חניות בלי השגחה, תקנות עם ראש הקצבים.

.... מען וויל מתקן זיין, ווי דער ............ רב, אז א מנקר זאל מוזן נעמען סמיכה ביי רבנים, כה תבא עליו ברכה, לא ירים איש את ידו ואת רגלו. דאס איז דאס דארפן מיר טאן בכל תוקף ועוז, און דארף מיר אין דעם וויא מ'זאגט — אלע שטיין, איינער ווער עס איז, עס איז נישט קיין חילוק מ'קוקט נישט, וויא עס איז א בוטשער־סטאר אָן השגחה פון א רב, איז נישט דא וואס צורעדן, איז דאס פלייש אסור, פארוואס?

---

[7] כל מבין יודע שלא דואגים על אלו שאין להם שייכות להחרדים.

[8] ידוע שמותם, והיו ת"ח.

וויא דער ............ רב טאמער בלייבט כשעורה אדער טאמער וועט ער נישט קענען, מען האט היינט געמאכט איך זאגן דעם אמת, **איך האב היינט** אליין געוועז אונז מיז מיר דאך זאגן אונז האבען מיר געמאכט תקנות איך האב געזאגט פאר .... ......... [ראש הקצבים] אז ער מוז 3-2 זאכן אזוי מנקר זיין, אז פון עם זאל קיין חלב נישט קענען ארויס, אנדערע זאך ער האט ג׳זאגט אז ער איז מקבל[9].

הודאה י׳ טו

**א) רוצים לעשות תיקון על ששה שבועות. ב) במצב של היום מודה על חששות. ג) מתחננים אל הקצב.**

רב בעל מכשיר אחד: איך קען נאך־זאגן אין נאמען פון ......... [ראש הקצבים] ווייל ער האט געזאגט, ער וועט פוילען אין שלאכט הויז, אז מען זאל פון דארט־אויס עם לאזן אראפנעמען, אז ס׳זאל נישט קומען מער צום בוטשער, אין די הענט.

רב [שהי׳] בעל מכשיר שני: איין מינוט אנטשולדיגט ... איך בין דאך געוועזן מיט׳ן ...... רב צוזאמען, מיט נאך אפאר רבנים זענען מיר דעמאלטץ געוועזן ביי ......... [ראש הקצבים] — **דערווייל האבן מיר געמאכט אזויפיל תיקון, וואס ער האט זיך אונטערגענומען אז 4 וואכן** — ה...... רב קורא: זעקס זעקס — זעקס וואכן, איך גערענק שוין נישט, יא דער ..... רב האט ג׳פועליט דארט, דארטן איז דא א מענעדזיער, און מנקר דער ......, הערטץ מיך אויס איך האב אזויפיל אויפגעטוהן אז פון דארט, אזוי קומט דאך די בהמות קומען גראד פון שלאכט־הויז, עס גייט אוועק צו איהם עס ווערט אריינגעלעגט ביי איהם אין פלאץ, פון דארט קומט יעדער בוטשער וואס ער באשטעלט, ווער עס באשטעלט פלייש **ממילא** קען זיין[10].

רב אחד שואל: אום כשר געמאכט? (הרב המכשיר ממשיך): אוודאי אזוי ווי זיי גייען גאנצע שטיקער, איז במילא דא א חשש טאמער דער[11] ...

---

[9] למה צריך לעשות תקנות אם אין שום יסוד להערעור. ולמעשה לא נעשה עדיין כלום, ועיין גם באות שאח״ז.

[10] מה יכול להיות? ודו״ק.

[11] איזה חשש יש? ודו״ק.

פארוואס? איך האב געפרעגט ........ [ראש הקצבים], קען אזוינס זיין? **זאגט ער, עס קען זיין — אז דאס פלייש איז ווארעם און מען שניידט, מאכט זיך אמאל, אז דער גוי, אזוי איז ער אנגעזאגט, דער גוי ער שניידט, פון די צלע פון, פון די צלע י"ג און, איז שוין א שווערע זאך, במילא קומט דער טבור, קומט דער גאנצער חלק אחוריים קען נישט אריין קומען, מאכט זיך אמאל א זאנס אז דער גוי שניידט נישט גוט, און ס'קומט אריין, און ס'קומט אריין ביי איהם ... פארשטייט זאך דאך, איז דא דער משגיח, זעהט ער אז ס'איז פארשניטען נעמט ער עס אראפ, קומט אריין צום א בוטשער — אזוי ווי דער ........... רב האט געזאגט און ווידער איז נישט קיין בקי, קען זיך מאכן עס קען זיך טאקע אזוינס שניידען, און דעים אז ס'זאל זיין ....** דערווייל איז דארט ביי איהם א איד, אין דאס איז א שווערע זאך, ווייל דאס קומט אריין פארטאגס, מ'מוז האבן ספעציעל מענטשען, דאס פלייש קומט נישט אריין אין מיט'ן טאג בשעת עבודה, דער גוי לייגט אראפ דארטן מיט'ן טראק, און יעדער קומט אין דערפריה פארטאגס, נעמט דאס פלייש, **בקיצור האט מען מיט איהם איין געארדינט, ער זאגט אויף 6 וואכן, מיר דאכט זיך 4, אז ער נעמט זיך אונטער, צו האלטן משגיח, ער זאל דורך קוקען אלע בהמות וואס זיי קומען אריין אויב ס'איז נישט צוגעלאזט דארט א חלק אחוריים.**

אז טאמער איז דא וועט ער דאס אראפשניידן, אזוי אז ס'וועט נישט קענען זיין קיין מציאות אז ס'זאל קומען צו א קצב, סיי וועלכע קצב פון די גאנצע שטאט, וואס ער קויפט ביי איהם פלייש אז ס'זאל נישט זיין צוגעלאזט קיין חלק אחוריים — עס זאל זיין ... מיטן טבור וואס.

רב ב׳ שואל: — אפשר קען מען פועלין, וואס עפעס 6 וואכען?[12].

רב א׳ משיב: הערט מיך אוים — רבותי לאמיר קודם זאגן — איך זאג דאך אייך, וואס איז געווען (רב ב׳ שואל: אפשר קענט איהר דאס טאן ...) תשובה גוט, גוט, רב א׳: זעה איך האלט שוין דא הערט זיך איין.

רב א׳ מתערב: איך האלט שוין ווייטער, מיר האבן מיט איהם היינט געשמועסט, איך האב אהין גערופן זאג איך, **איך גיי היינט צו א אסיפה זאג איך,** איך האב מיך דעמאלסט פון איהם, איהר ווייסט דאך, איך האב מיך געשטארקט, איך האב געזאגט ס'איז בין כסא לעשור, איך

---

12 קושיא חזקה, ודו"ק.

וועל נאך ווייס איך וואס טאן, סיאיז שוועריקייטן איך וויל נישט זאגן, אז סיאיז נישט, איר פארשטייט ווייל דאס פלייש וואס ער מאכט כשר, געט ער איבער פאר זיינע מנקרים און דער ר׳ ..... קוקט איבער דעם פלייש וואס מען געט ארויס פאר בוטשערס, א אנדעטע זייטן, דאס איז דאך זאג איך פאר ........... [ראש הקצבים] — האבן איך היינט געזאגט — דו זאלסט וויסן זיך די נישט קיין צרות פאר כלל ישראל, איך זאג דיר צו, זאל דיך קאסטן אפילו נאך צוויי מענטשען — וואס עס איז נישט אמת ווייל דארט, מיר זאלסטו אראפנעמען דעם שלייעם אויך, האב איך געזאגט סיזאל קומען אנעדעם שלייעם, און אנעדעם חלב, קיין שום, נאר חוטין ברויכסטו נישט מנקר זיין.

הודאה י״א

## טז

## א) נותנים בשר עם סירכות בתורת גלאט. ב) בעל מכשיר א׳ אומר שמרמים את העולם.

.... מדברים מצלע י״ב, ושואל רב א׳: אזוי וויא מען נוצט נישט קיין סירכות האטשיג סיאיז כשר, סירכא פלייש ... [פיי כמו״כ לא ישתמשו בצלע י״ב].

רב שהי׳ בעל מכשיר משיב: **הלוואי, הלוואי, וויפיל מען נוצט יא, מען האט אראפגענומען סירכות, דאס איז גלאט פון דעסטוועגן נוצט מען סירכות, מען קען דאך נישט זאגן מען נוצט נישט קיין סירכות. פאר דעם עולם קען מען זאגן, מען ניצט נישט קיין סירכות — דעמאלטץ וואלט איהר נישט געקענט האבן קיין פלייש צופארקויפן, ס׳איז דא ס׳מאכט זיך, ס׳גייט נישט לייכט אבער עס טרעפט זיך אמאל.**

רב בעל מכשיר שני מוחה: **זאלטץ מיר מוחל זיין אויף דעם וועל איך ענטפערן, חלילה אזא סטעיטמענט צוגעבן, אז אונדז נעמען ח״ו סירכות, חס־ושלום .... וכו׳.**

הודאה י״ב

## יז

## הודאות: א) המנקרים לא יודעים. ב) יש מקומות בלי השגחה. ג) רוב רבנים אינם בהענין.

.... איך שלאג אייך פאר, וואס מען האט געדארפט דא קודם דעם זאל מען מיהאט עס פריהער פאר געשלאגן, אז סיאיז דא, דא הי

בוטשערים וואס האבן נישט וואס זיי ווייסן נישט וויים נישט אויב שריפטלאך האבן זיי זיכער נישט אז זיי קענען. דארף מען אנהויבן אזוי, אז פון היינט מאל אן, מוז יעדער ווער ס'איז זיך עוסק אין פארקויפען פלייש, ער האט א פלייש באנק, קודם האט מען געדארפט מאכן אז מ'מוז האבן א השגחה מוז זיין, דאז איז איין זאך. נאר דאס איז נאך נישט גענוג אז ער זאל האבן א השגחה, אויף אונדז ליגט אזויפיהל אחריות. אז מ'מיר זעהן, אז די פארקויפערם די בוטשערם זאלן קענען אויסער דעם וואס ער האט א השגחה, יעדער איינער וואס איז עוסק אין דער פלייש מוז גיין.

מען האט געדארפט אויף שטעלן דא א פאר רבנים, וואס זאלן אליין קענען גוט ניקור, ביי דעם זאל זיך אנהויבן, מען זאל וויסען די קענען ניקור, היימישע רבנים. און די האבן די סמכות פון די התאחדות הרבנים צו געבן סמיכה, פאר די בוטשערם וואס דארפן פארקויפן פלייש, און ס'זאל נישט קענען א איד פארקויפן קיין פלייש סיידען אויב ער איז א מנקר. מען מוז דאך מנקר זיין, אבער ער האט א מנקר, וואס ער איז דארט שטענדיג וואס ער איז דער קוקט איבער אלע, און דער מנקר יהיי מי שיהיי, סידא מנקרים, וואס האבן סמכות, דער רב ז"ל איז געוועזן אין אייראפע, האט ער דארט איין געפיהרט א ....... שחיטה האט ער געמוזט האבן מנקרים, איז דא א פּאר אידען, וואס ער האט זיי אויסגעלערנט וואס זיי האבן זיך אויסגעלערנט, און ער שרייבט אויף זיי איך בין אויף זיי מעיד, זיי קענען גוט די הלכה און זיי קענען גוט די מלאכה.

ס'איז דא אזעלכע, עס איז דא, ער האט פון פעסט, ס'ידא פון סאטמארע בית דין, ס'ידא וואס זיי האבן אויסגעלערנט ראחובער רב איז דארט געוועזן.

רב בעל מכשיר מתערב: מען מוז אלץ מוסיף זיין אויף די ... לדעתי, העט איך געמיינט, דער התאח"ר זאל ממנה זיין דריי רבנים זיי זאלן זיך אריין לעגן אין דער הלכה, בכל פרטותיי ודקדוקיי, ווייל איך מיין רוב רבנים זענען נישט דערינען, אין דעם, דאך גם אני בתוכם איך בין נישט בקי אין מציאות פון די ענינים. און ס'מוז זיין די התאחדות הרבנים זאלן ממנה זיין דריי רבנים אדער אפשר מער נאך, און זאלן זיך אריין לעגין, ראשם ורובם בכל פרטיי ודקדוקיי פון די הלכה, און זיי זאלן נאכדעם זיין דורך קוקען איבערקוקען די בוטשערם.

רב א׳ מוסיף: און יעדער מנקר מוז באקומען פון די דריי רבנים אז ער האט זיי אויסגעלערנט אז זיי קענען דעם נסיון זיי קענען די הלכה און זיי קענען.

רב בעל מכשיר: און די דריי רבנים זאלן לפרקים גיין טאקע באקוקען ביי די מעשה, צו מען האלט איין די דאס צו נישט, און נאך דעם ווען די דריי רבנים וועלן שוין זיין ממש בקי בכל פרטיי ודקדוקיי, און מיט אלע אופנים, **נאך דעם למען השקט הרעש זאל מען צוזאם קומען מיט די ארץ־ישראל׳דיגע, די וואס האבן געמאכט דעם שם רע, און מען זאל ווייזען אז דער שם רע איז נישט דא.**

## יח

הודאה י״ג

## החלטת היו״ר באמצע האסיפה

היו״ר מכריז: .... מען גייט אוועק פון א אסיפה [רב א׳ מפסיקו — סימוז ארוים א דבר ברור), ביז מען ארלעידיגט נישט א זאך, מען טאר נישט אוועק גיין, זאג איך אז דערווייל חאטש די רבנים האבן נאך גארנישט אויסגעלערנט זאלן די רבנים נעמען צו א מנקר וואס מען ווייסט אז ער קען, .... א רגע א רגע, דערווייל איז די, **דאס זאל מען שוין ארויסגעבען א קול קורא אז מען בעט קיין שום איד זאל נישט עסן קיין פלייש, דארטן ווי ס׳איז נישט דא קיין השגחה, ווייל דער חסרון איז נישט צו פון האלטן א בוטשער סטאר.** צו פון ...... [שם חנות מפורסם], צו דאס, ס׳איז דא אן א שיעור בוטשערס וואס האבן נישט קיין שום השגחה און גארנישט.

אחד שואל בקול: דער משגיח אליין קען דאך נישט?[13].

תשובה: נו, ווייטער דאס זאל מען שוין טאן די צוויי זאכן, **אז נישט קיין השגחה זאל מען נישט קויפן,** און דאס איבעריגע זאל מען שוין, די **3 רבנים חאטש זיי קענען נאך נישט, זאלן זיי צונעמען א מנקר וואס מען ווייסט ער איז גוט אדער מען זאל שיקען רופען,** איהר לעיגט דאס אפ איז גארנישט ווערט, דאס זאל מען שוין טאן און דערווייל זאל מען זיך אויסלערנען, און דערווייל זאל מען זיך אויסלערנען, מען זאל צונעמען א מנקר, און מען זאל שיקען רופן יעדן בוטשער, און זעהן צו ער קען.

---

13 קושיא חזקה, ודו״ק.

הודאה י"ד

יט

## עד שיתקנו — צריך ג"כ תיקון

...אבער איך וויל בעטן דעם עולם איך וויל געבן צופארשטיין א זאך וואס איך ווייס שוין פון אסיפות, אז מען ברויך עפעס זעהן, דעם תיקון וואס מ'ברויך שוין דער ווייל.

הודאה ט"ו

כ

## רב אחד צועק, שנכנס חלק אחוריים

...נאך אזאך דער נשיא האט זייער אפיינע זאך געזאגט, אז מען שניידט איין ביים צלע י"ב און נאר פריהערט, קען מען אפגעהיטן ווערן פון פארשידענע מכשולות.

**דא אין אמעריקא, שניידט מען רוב מאל אין חלק אחוריים.**

טאמער שניידט מען אבער צלע י"א אוודאי דעמאלטץ קומט אוים (אחד שואל? מען שניידט רוב מאל אין חלק אחוריים). תשובה: **יא, יא, יא** — קומט פאר, יא, אז קומט נישט פאר, אזוי וועט נישט פארקומען און נאך פארשידענע זאכן וועט מען באהיטן.

**דער טרפש קומט אין גאנצן אריין, דער צווייטער זייט פון טרפש איז דאך חלב דאורייתא, און דאס קען מען זייער שווער אנקלינען,** למעשה זאגן מיר יא, למעשה יא בא די כסלים אונטען אז דא א קרום העב, א קרום הדק, טוהט זאך מיט די חלב אונטן אז רוב פוסקים וואס זיי אסרין, פאר וואס זאלן מיר אונדז זיין די מענטשן (כאן יש קולות וזעקות מכל הצדדים באנדרלמוסיא גדולה) — ס'איז א כלל אין אלע ספרים, און אר"ש איז דאס אין שבת, אז א איד דארף אוועק לויפן פון צ"ט שערי היתר, ער זאל נישט אן קומען צו איין שער פון איסור, עם כל זאת, **לויטער איידעלע רבנים וועלן אוועק גיין אננעמען אלע קולות,** — יא מיר האבן מיר א היתר — מיר האבן מיר א היתר. וואס הייסט א היתר, אונדז, ברויכען מיר אנצונעמען אלע חומרות, צאם שטעלן אלע חומרות, ווען איינער וויל נישט האבן אלע חומרות, וועט עם זיין כשר, נישט "כשר למהדרין", למהדרין כשר ברויך אויסצוהאלטן לויט אלע שיטות אזוי האלט איך (כאן יש וויכוח חם מאוד בלתי ברור).

הודאה ט"ז

## כא

## א) מכשולות גדולות בניקור. ב) עובדא מחנות שיש לו השגחה. ג) עצות על תיקון.

.... ס'איז דא רבנים וואס האבן מיך שוין מקדים געווען, אבער אעפ"כ מוז איך זאגן מיין דעת וואס איך האב פריערט אין זינען געהאט.

דא פון דעם ......... רבי'ם ווערטער בין איך נתעורר געווארן אז די פראגע, איז אויף געשטעלט געווארן אויף א פאר פונקטין.

קודם כל איז די שאלה, **מיר רעדן נישט פון עבר** — אזוי ווי דער רב האט געזאגט ........ — **אל תזכור לי ראשונות**, מיר האלטן יעצט נישט ביי ווער ס'האט דא געטאן א פעלער, ווער ס'האט יא געטוהן, ווער ס'האט נישט געטוהן, **מיר האלטן יעצט מתקן צו זיין וואס מען דארף מתקן צו זיין**, ווען ס'זאל קיינמאל נישט זיין קיין ערעור אין דעם און קיינער זאל נישט זיין גערעכט אין דעם ענין און דער ערעור איז נאר א בלבול בעלמא, **דעמאלטס דארף מען אויך זען מתקן צו זיין**. דא איז נישט די שאלה פון די בוטשעריען וואס זיי האבן ערליכע משגיחים, ס'איז פאראן דא למשל ....... האט ר' ...... ............. און איך ווייס נאך ווער ר' .... ..... ..........., און ווייס איך, די זענען די מנקרים די קענען זייער הלכה און זיי וויסן וואס זיי דארפן צו טאן. אבער איך רעד **עס איז דא צום ביישפיהל, אזעלכע מנקרים וואס זיי האבן קיין אנהונג נישט, איך ווייס נישט ווי ווייט זענען גאר פארלעסליך אויף שמירת שבת, מען נעמט זיי אריין אלץ ארבעטער, מען נעמט זיי אריין זיי זענען גארנישט פארלעסליך און זיי ווייסן נישט בין ימינם לשמאלם, און זיי האבן נישט קיין געפיהל מיט אמאהל פאר קיין כשרות, און נישט נאר זיי זענען נישט באגלייבט אויף כשרות ע"פ התורה, נאר זיי האבן גארנישט קיין אנהונג פון דעם ענין.**

דארף מען זען אז איבעראל, ווער עס איז געשטעלט מנקרים, איז נישט טייטש אז עס איז דא דער מנקר, **איך ווייס שוין טאקע דארט אנגעוויסע, דארט אין א פלאטץ, וואו מען האט זיך פארצויגן, דער איז דער מנקר, און דער איז דער משגיח, האב איך יעניגען געפרעגט, די ביזט טאקע דער משגיח דארט? איי — זאגט ער — דאס וואס ס'קומט אן צו עס**

**דאס איז ער מנקר אזוי וויא די הלכה איז, אבער אז ער זאל האבען השגחה אויף דעם וואס א צווייטער טוהט, דאס איז נישט אונטער זיין אחריות.**

איצט קודם, דארף מען זעהן אז מען זאל איבעראל שטעלן מנקרים, וואס זיי קענען דעם פאך. און וואס זענען באגלייבט אויף דעם עפ"י התורה, אז זיי זאלן מנקר זיין.

און אויסער דעם איז טאקע האלט איך צו, צו דעם וואס דער .... האט געזאגט, מען זאל שטעלן, מען זאל אויסלערנען אינגעלייט, וואס זיי זאלען טאקע אויף דעם געביט ארבעטין, זאל קענען די הלכה טאקע על בוריי, און זיי זאלען קענען נישט נאר על בוריי פון שו"ע, נאר זאלן וויסען פון פראקציעס, זאלן וויסען פון די מנקרים וואס זיי האבן שוין געארבעט אין דעם און זענען פארלעסליכע און ערליכע, זאלן צו־צייגן א יעדע זאך וואס דאס איז, און וואס מען דארף צו טוהן, און וואס מען דארף מתקן צו זיין, און די זאלן האבן דערנאך די השגחה אויף די אלע בוטשעריען וואס עס גייט דורך **אפילו ווען ס'איז דא ערליכע מנקרים, און ערליכער, זאלן זיי האבן די השגחה אויף דעם.**

## כב

הודאה י"ז

## רב אחר מספר עובדא אחרת

.... איך וועל אייך זאגן, איך האב נאר אזויפיהל געוואלט זאגן, בא אונדז אין ...... [קהלה ביוראפ] איז דאך נישט געוועזן אזא גרויסע קהלה, איז געוועזן א משגיח אויף ניקור, א משגיח וואס איז געוועזן א מוסמך, א ת"ח דאס איז געוועזן זיין פרנסה, און דעם טאשנאדער רבים ברודער, מען האט איהם אהין געברענגט אויף ......... אלטע א משגיח אויף מנקרים, שוין וואס הייסט עפעס, וויא, וואס, ווען.

**ס'איז געווען א מעשה, א פאר יאר צוריק,** מ'האט מיך געפרעגט מיט א השגחה אויף א יאטקע אויף א שלאכט באנק, איך האב מיך נישט געקענט ארויס דרייען בשום אופן האב איך עהם נאכדעם געזאגט, **איך קען דאך נישט קיין ניקור אפילו. זאגט ער, איך קען דאך אבער גוט,** ער איז טאקע פון די גוטע מנקרים אין ........ זיין טאטע איז געווען, אין אלעם, **זאג איך, אבער איך קען דאך נישט, אז איך קען נישט ווי קען איך.** למעשה מוז מען דאס האבן, און מען דארף וואס ווייניגער רעדען פון

דעם, וואס איז געווען אין עבר, ווייל ...... (רב א׳ מפסיקו בהתעוררות:) מען האט שוין אזויפיהל גערעדט, לאמיר זעהן צו איהר האט שוין געהאט די רבנים, וואס ווילען זיך אוים לערנען ניקור זאלען קענען.

## כג

## רב אחר מעורר על חשש חדש — שלא לנקר בשר קפוי.

.... ווייטער, איך וואלט געוואלט משמיע זיין! נישט נאר פאר איינענע... נישט פון נסתרים נאר מען לייגט דארט געוויסע מאס... וואס מען וועט איבערצייגט ווערן אלץ מער מבין, וואס עס איז טוט פארבעסערן ריין די צינגען דאס זאל מען... אויב מען זאל נישט מדקדק זיין אויף דעם, אז מען זאל נישט רייניגען קיין פלייש געפרוירינערהייט.

ווייל איך זאג אייך בהחלט, מענטשן האבן אויף דעם מודה געווען, אז מען רייניגט פלייש ווען עס איז געפרארען פארלירט די קענטעניש, חאטשיק אויף זיבעציג פראצענט (70%)... איך וויל ס׳זאל דאס איימיצער נאך זעהן.

## כד

## אין המדובר במנהגים

.... דאס וואס דער קאשויער רב האט יעצט מערער געווען דאס האט נישט צוטאן מיט מנהגים, ס׳האט צוטאן מיט (מפסיקים) — ער זאגט, איך זאג דאך וואס ער זאגט[14], מען האט געטראפן אזעלכע זאכען, איך זאג דאך וואס ער זאגט, אויף דעם וועט דאך ווייטער נישט זיין קיין להשקיט הריב. (מפריעים ).

## כה

הודאה י״ח

## א) הקצב מודה שנכנס חלק אחוריים. ב) ביוראָפּ הי׳ יותר טוב.

רב בעל מכשיר: איך וויל זאגן, געזאגט פריער... איך האב טאקע

---

[14] וכופל כ״פ ״ער זאגט״. והלא בעצמם ראו באסיפה ההוא בשר עם חלב דאורייתא (וכנ״ל באות י״א) רק כולם פחדו לומר האמת כמות שהוא.

אריין געטראכט טאקע, סיאיז ביי אונז איך ווייס זיכער אין ..... האט מען גענוצט די צלע י"ב אין ...... האט מען אויך גענוצט אין כמה מקומות, האב איך געזאגט פאר .......... רב, אז איך וואלט געמיינט, אז דא הי וואלט געווען א סברא, עס נישט צו קענען, נישט צוניצען, ער האט עס מיר אויך געזאגט, איך האב עהם נישט אזוי גוט פארשטאנען — רעדנדיג מיט עם האב איך איהם געזאגט, פארוואס?

ווייל דא איז דא א גרויסער חשש, אז סיוועט צוגעשניטען דער חלק אחוריים, און, און דעים מאכן מען דא הי.

אין דער היים, למשל אין ......, בין איך דאך נישט געווען קיין... איז געווען אידישע קצבים, זיי האבן געשחט'ן א בהמה, און ער האט אראפגעשניטן די חלק אחוריים, דאס האט ער אוועקגעגעבן פאר די גויים, און דע חלק — דע פאדערשטע — האט ער געהאלטן פאר זיך, האט ער במילא אפגעשניטן א איד, א איד מער וויניגער, א איד א נאמן האט אפגעשניטן, איז כמעט נישט פארגעקומען אז מען זאל אריין שניידן אין חלק אחוריים, אריין שניידן א איד האט עס געטאן. ס'געווען משגיחים דארטן שטענדיג.

**משא"כ דא הי טוהן דאס גויים, גויים מאכן דאס אין שלאכט הויז, און קען זיך אמאל מאכן אז**[15].

איך האב געפרעגט [ראש הקצבים] — קען דאס זיין, סיאיז ארויסגעגאנגען אזא געשיכטע? מיהאט אנגעהויבען צו רעדן, סיאיז דא חלק אחוריים, האב איך עם אנגערופן האב איך עם געפרעגט — זאג מיר — קען דאס זיין אז מען זאל אריין שניידן אין חלק אחוריים צושניידן? — **זאגט ער: ס'קען זיין.**

און אסאך אירע זאגען, אז אין יוראפ, **איך האב שוין געהערט אנדערע זאגן מען האט דאס שוין אין יוראפ אויך געליטן**, אנדער, מיהאט מען האט נאר געוואוסט יעדער איינער, מישניידט דאס אראפ. אבער דא אז סיקומט אריין א גוי, און נאכדעם קומט דאס אריין אויף איין פלאץ, **ווי ס'קומט נאר אריין א הונדערט אקסין אויף אמאל**, און דארט גייט דאס ארויס צו די, צו יעדענס פלייש באנק וואס ער קויפט.

---

15 מה? (ודו"ק).

פאר דעם בין איך געווען מיטין ..... רב, מ'האט דארטן איין גענארדענט, **אז ס'זאל איצט איין שטעלען אז דאס זאל נישט קענען זיין, איך ווייס נישט מען וועט דאס, ער זאל דאס וועלן שטענדיג טאן**, וואלט אסאך אראפ געפאלען פון דעם חשש אז ס'זאל אריין קומען דע דאס, במילא טאמער סידא אזא חשש קען זיין דאס איז נישט געווען בימי החת"ס, ער רעדט נישט פון דעם, אז ס'זאל זיין א שאלה פאר דעם אז מען זאל אריין קומען חלק אחוריים אויכעט.

במילא דעמאלטץ אז מיוועט טאקע אזוי איין פיהרן, אז מ'נוצט נישט די צלע י"ב, וואלט אסאך קלענער געווארן דער חשש אז ס'וועט אריין קומען אמאל אז ער שניידט העכער, במילא קומט ער דאך לשולחו, צו צום טבור, וואס דארטן ביז אהין גייט דער אחוריים.

וואלט געווען א סברא צוזאגן, אז ס'וואלט געווען א סברא דאס איין צוציהרן כדי מונע צו זיין אויף אזא מין אופן הייסט נישט קיין הוצאת לעז, **אז ס'איז נולד געווארן אזא חשש, וואס ס'איז נישט געווען דארטן, גייט דאך שוין נישט אן בא אונדז**. דאס דארף מען דן זיין, די רבנים זאלן דאס זעהן.

הודאה י"ט **כו**

## הודאה על המכשולות

.... איך האב נאר געוואלט זאגן אייןווארט, **אז די מכשולים, וואס מען האט געכאפט און איך האב גערעדט מיט אפאר בוטשער סטאר'ס, וואס זיי זאגן אז ס'קען זיין**, ווי מ'ווערט נכשל איז נישט דארט ביים צלע י"ב, צלע י"ב איז א מחלוקת, און מען גייט נישט אריין — ווי דער **דינער טענדערליין, און בעסער, אז מען זאל איין פיהרן אז מ'זאל טאקע אראפנעמען די גאנצע טענדערליין** (דארט? ווי איז די מכשולות?) — דארטן דארטן אויף דעם דינעם טענדערליין[16] (וויא איז די מכשולות ביים דינעם אדער ביים דיקען?) **אויפן דיקען איז א שווערע זאך איין צופיהרן — דאס איז דער אמת, ווייל דער דיקער האט א חשיבות, דע בוטשער סטאר'ס וועלן דאס נישט אזוי שנעל מסכים זיין**[17] (— מדברים —) — אז מען זאל קענען איין פיהרן ביים דיקען איז א ווראי און א

---

[16] הופך את הענין כנראה מחסרון בקיאות.

[17] אוי למה שהגענו — רבנים צריכים להסכמת החנויות.

וודאי גוט, אבער עכ"פ, דעם דינעם טענדערליין זאל מען אראפ נעמען, מיטן דיקען וועט זיין (— מדברים —).

## כז

## מבקשים ישועה מרבנים צעירים

רב א' מכריז: א מינוט, א מינוט, נישט געקומען צו קיין תכלית, רבותי!

זיצט נאך א מינוט, די יונגע רבנים, לאמיר האבן עפעס נוצען פון יונגע רבנים, איך מיין נישט קיין חכמות, די **אלטע קענען שוין נישט טאן**, אבער די יונגע קענען דאך נאך. זעט זיך צו מעלדן, רבנים יונגע, יונגע רבנים זאלן זיך מעלדן, אז זיי זאלן זיך אויסלערנען ניקור, מען זאל קענען מיט זיי עפעס האבן צו טאן, אזוי וועט מען האבן מיט וועמען צוטוהן.

## כח

## א) הי' התרשלות. ב) הרבנים לא יודעים. ג) מייעץ לכתוב שנתברר שעפ"י הלכה אין חשש. ד) כבוד ההתאחדות להודות ולתקן.

רב א' דורש: דער זומער, אזוי וויא ס'איז געווארן, איך האב געהערט אין מאנסי, אז מ'האט אויסגערופן אין וויזניץ, אז מען טאר נישט עסען דאס פלייש, האב איך בא מיר אין שטוב אויך אויף געהערט צו עסען פלייש.

האט מיך געפרעגט מיין בני בית, וואס איז מיט יו"ט, זאג איך, **מעגסט באשטעלן ווייל איך בין זיכער, אז ביז יו"ט, עט התאחדות הרבנים ארויסקומען מיט א קול קורא אז ס'איז אלעס אין ארדענונג**[18].

דערווייל דער קו"ק איז נישט ארויס געקומען, האב איך נישט גענעסן. יעצט, א איך זאג אזוי, איך וועל נאר זאגן איין ווארט.

עס איז אמאל א מעשה, די ירושלים וויין האט געטראפען א חשש חמץ אין דעם וויין, עס איז געווען א קול קורא אין די צייטונג, זענען

---

[18] כבר ידע למפרע שיהי' כשר?.

געווען מענטשען זענען צוגעקומען האבען געזאגט זעהסט, זאג איך זעהסט עס איז זעהר גוט יעצט דארף מען הערשט ניצען די ווין וואס קומען אנדערע נישט ארויס, יעדע זאך וואס א מענטש גיט א הכשר מאכט זיך אמאל, עס מוז אמאל קומען א שאלה, און זיי האבן געקענט אריין שטעלן אין די צייטונגען אז מען זאל וויסען מען טאר עס נישט עסען ס׳איז דאך אדרבה.

ס׳געווען אמאל א מעשה, מ׳האט געטראפן א ווייטציל אין די מצות, און מ׳האט געהאט אויסגערופן אין ביהמ״ד, זאג איך אדרבה דאס געט דאך דער הכשר, א הכשר מיינט אויך מען קען טרעפן, דארט ווי עס איז אלעמאל כשר, איז נישט קיין הכשר, דארט ווי מען גוט א הכשר, מוז זיך אמאל מאכן א חשש, און מען מאכט א גרויסן טומעל.

**איך זעה דאך פון דעם ניקור, אז מ׳קען נישט זאגן ידינו לא שפכו את הדם הזה ווייל ס׳איז געווען א התרשלות[19], ווייל די רבנים קענען נישט גוט, און איינער האט זיך, איך האב אליין נישט, מיר איז נישט איינגעפאלן, איך האב געמיינט, אז מען קען אזויפיהל רעדען, אז מען קויפט פלייש און דע.**

**מען זעט דאך אזוי, במילא האלט איך אזוי[20].**

**קודם זאל ארויס קומען א קול קורא פון די התאחדות הרבנים, אז מ׳האט אלעם מברר געווען** — ווי ...... רב האט געזאגט, אז ע״פ הלכה איז נישטא קיין שום חשש נישט, און וואס מען זאל טאן ווייטער, לפענ״ד איז אזוי:

דער ד״ח זאגט, אז אויף חומרות אי נישטא קיין מוציא לעז, דאס זאגט ער אין די תשובות, ווייל מחמיר זיין מעג מען, און מען זאגט דאך נישט אן הלכה, פונקט פארקערט, אויב מע זאגט ס׳איז הלכה.

היינט איז אזא וועלט, די וועלט איז — לאמיר אייך זאגען ........ [מדבר אל בעל מכשיר] — איך קען אביסעל די וועלט, די וועלט וויל חומרות, אזוי איז עס היינט, צו ס׳איז יא גוט צו נישט גוט, סי ב״ה

---

[19] ואעפי״כ ממשיך בדבריו שיוציאו כרוז שאין חשש ודו״ק.

[20] הקורא כבר יבחן מעצמו להיכן הבירור נוטה.

(........ שואל טעלעוויזשאן אויך?) איך רעד נישט פון די מענטשען, מיט 50 יאר צוריק איז האט יעדער געוואלט קולות, היינט א יונגערמאן, יונגעלייט ווילען סיזאל זיין זיי ווילען סיזאל אלטץ, מען זאל נישט קענען רעדען, און מכ״ש, מכ״ש די התאחדות הרבנים, וואס יעדער זוכט דאך נאר וואס מיקען עפעס טרעפען, און פון א קלייניקייט מאכט מען דאך א גרויסע זאך, איז לפענ״ד, וואס מיקען מחמיר זיין, ס'איז נישט די שאלה פון קיין גרויסע געלטער, נישט קיין שאלה פון גרויסע, שוין. **אז מ'שרייבט ארויס קלאר, אז ס'איז נישט להלכה, נאר מ'שרייבט אז מ'וויל מחמיר זיין, כדי להפיס דעתם פון געוויסע יחידים, זאלן נישט קענען זאגן, און אז ס'ווערט זיין א השגחה איז אוודאי האט מען אלעם מתקן געווען, נישט פאר זיי די רעדערס, די רעדערס וועלען ווייטער רעדען — פאר אונז פאר אונז אליין. די אלע אידן, איך ווייס פון כמה וכמה אידן וואס ס'איז לבם נוקפם,** זיי ווארטן נאר צוזעהן אז זיי האבן צוטרוי צו התאחדות הרבנים, אזוי ווי אסאך הונדערטער יונגעלייט, מעווארט סיזאל ארויסקומען א בירור. מיר דאכט זיך אז ס'איז נתברר געווארן דא, איך בין נישט מפקפק אז ס'איז אין הלכות איז יעדער מודה, אז וואס מידארף, און וואס מידארף נישט.

סיגעווען אביסל נאך געלאזט אין דע השגחה, און דאס גייט מען מתקן זיין, מ'מעג דאס שרייבן, און דאס, און דאס איז א כבוד.

דאס איז א כבוד פאר די התאחדות הרבנים, אז מ'איז מודה אז ס'איז געווען אביסעל התרשלות אין די השגחה, און מ'גייט דאס מתקן זיין (מפסיקים אותו). ניין איך בין פארטיג שוין (כאן מדברים מכל הצדדים ובלתי מובן) נאך איין נקודה — איין מינוט, די רבנים, איין מינוט די רבנים איז דאך אויך דא אין ענינים פון ניקור, האט מיר פארגעשלאגן דער ........ רב אויפן טעלעפאן, איך זאג נאר איבער, וואס ער האט מיר געזאגט, אז דער גבעת פנחס זאל זיין דער דרך וואס די מנקרים זאלן דאס דארפן דורך לערנען און די רבנים, איך זאג דאס נאר איבער אלץ שליח פון עהם, ווייל אז נישט הייבט זיך דאך ווידער אן, יעדער רב קען דאך זאגן, איך פיהר זיך אנדערש. [— מדברים —].

## כט

הודאה כ׳

## השגחה גם על גו״ט

**מו״צ בקהלה גדולה: אזוי ווי דער יסוד היסודות פון דעם אלעמען, קומט**

**דאך צו, אז מען דארף שטעלן השגחות, אויף די אלע בוטשער'ס און פארשטייט זיך, זענען מודיע אז מען טרייט אין דעם, אזוי ווי מען ווייס, מען האט דאך גערעדט מיט אלע רבנים אין ...... מען שטעלט השגחה** מען איז מוסיף מען איז מוסיף, יעדער זאך, איז מען מוסיף.

און בא דעם ניקור דארף מען דאך מוסיף זיין, מען איז צוקומען, און דער דרך איז דאך, אז מען וועט דאך דארפן מפרסם זיין די רשימה פון די "בוטשערס", פון די "סטארס" וואס געבן זיך, אונטער, אונטער די השגחה.

**דער עולם וועט מיינען, אז ס'איז גענוג די השגחה פון ניקור, עס איז דאך דא נאך חששות, חלילה טאמער ברענגט מען אריין אנדערע זאכן — נבילות וטריפות — איך מיין די השגחה זאל זיין, א השגחה אויף אלעמען**[21].

די משגיחים זאלן האבן א רעכט צו קוקען וואס מען ברענגט אריין אין "סטאר" און וואס מען טוהט, און וואס מען מאכט, דארף זיין א השגחה פון אלעמען.

הודאה כ"א ל

## א) מודה שבמשך הזמן נולד התרשלות. ב) התיקון היחידי להעמיד השגחה וללמוד ניקור.

.... איך ווייס נישט וואס די גאנצע שקלא וטריא איז דא. און באמתין — איך ווייס יא, נאר די זאך איז, איך האלט אז מען זאל נישט משנה זיין וויא אזוי מען האט ווי אזוי די "רעבישע".

דער רבי זצ"ל האט געלעבט אזוי, וויא מען האט געטאן בחייו, אזוי זאל מען טאן, **אבער וואס, אזוי ווי עס איז טאקע נתרשל געווארן, אזוי ווי מיט צייט געוועגלעך געשענט דאס, אזאך וואס ס'דויערט לאנגע צייטן, מען קוקט זיך נישט אום אזוי גוט דערויף מאכט זיך אז מען וועט נתרשל אין דעם ענין פון השגחה אויף די ענינים.**

און אויכעט אפשר זענען עלטער געווארן די מנקרים. **עס פעלט אויס יונגע מנקרים, עס איז נישט געווען וויא צו לערנען, איז דער ענין**

---

21 מסתם אין הכוונה על אָו יאָ, ואוי לו על מצב כזה שאין השגחה על נו"ט.

אויסצולערנען וואס דער רבי האט געזאגט אויסצולערנען מנקרים און זאלן משגיח זיין אויף די "סטארס". דאס איז דע סולושען SOLOUTION[22], שניידן אנדערש וויא מען האט געשניטן איז נאך אלץ נישט דער פראבלעם איז נישט געלעייזט, און עס איז דא אנדערע פראבלעמען אויך דערביי. דער אמת'ר פראבלעם וועט זיין געלייזט אויב די "בוטשער סטארס" וועלן האבן השגחה, און מ'וועט זיך אויסלערנען ניקור. אסאך אירע וועלן קענען ניקור, און ס'וועט זיין אונטער אן "קאנטראל" מיט קבלה, אזוי ווי עס דארף צו זיין דאס איז די (הרבה מדברים).

## לא

## החלטת היושב ראש

### א) אין עדיין החלטה. ב) לעשות קו"ק שלא יקנו בשר בלי השגחה. ג) המדובר מן 20 בוטשער'ס.

.... ס'איז געבליבן אזוי, אזוי וויא בכלליות, בכלליות איז אומעגלאך אזא זאך וואס האט צוטאן מיט די הלכה, זאל מען דאס גיין, דאס איז נישט צו שטעלן בא אפשטימונג בא אגרויסן עולם, האט מען דא אפגעשמועסט אז מ'האט געמאכט אקאמיטע פון די רבנים גדולים, דער ...... און דער ........ רב און דער ....... רב און די צוויי דיינים, און הרב ....... מיטן ........ רב, זיי ועלן זיין די קאמיטי, און זיי וועלן האבן א מיטינג און זיי וועלן באשטעטיגן ווי אזוי מען זאל מאכן אין בכלליות.

און בפרטיות האט מען דאך שוין געשמועסט, ערשטינס ברויך די התאחדות ארויס געבין א קול קורא, אז מען זאל וויסן אז אן א השגחה ברויך מען נישט קויפען אין קיין שום פלאץ — און צווייטינס (וויכוח גדול בלתי מובן ...).

רב ב' מדבר: ס'מוז דאך זיין איינס פון די צוויי, מ'מוז דאך קודם אויפאדערן די "בוטשערס" זיי זאלן נעמען השגחה, מען קען נישט גלייך ארויס געבען צו צוואנציג "בוטשערס" פון היינט אויף מארגן — מען קען דאך געבן א טערמין פון 6 חדשים.

22 פי' "זה ההחלטה".



יו"ר: נא, נא, דער עולם (... מען זאל זאגן ביז צוויי וואכן... וואס? ס'זאל בלייבן אזוי אזוי וויא עס איז?.

(מדברים ובלתי מובן ..... אחוריים .....).

יו"ר: ביז צוויי וואכן? (מדברים) און וואס וועט מיט דעם זיין מארגן, מארגן קען די קאמיטי ברויך זאך צונויף קומען — (רבים מדברים...).

רב ב': זיי נישט קיין נאר, דער רב, מוז קאנען (כאן וויכוח חם).

יו"ר: נא, וואס זאל מען דערווייל טאן — גארנישט טאן?

רב ב': איך עט געבעטין נאך א זאך צו די רבנים, שטעל צו נאך אפאר; א צוויי יונגע.

## לב

## היו"ר מתחנן לעשות החלטה — עושים וועד של רבנים

יו"ר: די החלטה, די החלטה ...... לאמיר נישט אוועק גיין אן א החלטה, ס'וועט זיין צוויי קאמיטעס, איין קאמיטי, וואס זיי זאלן באשטעטיגן, וויא אזוי ס'זאל זיין די אלגעמיינע ניקור, ווי אזוי וועט זיין מיט די צלע י"ב און די איבעריגע זאכן, די קאמיטי באשטייט אזוי ווי פריהער געשמועסט פון 7 רבנים גדולים ...... דאס בלייבט די קאמיטי.

א צווייטע קאמיטי, איז דא פון יונגעלייט, וואס זיי גייען זאך אויסלערנען ניקור, און זיי וועלן ארבעטין, ארום גיין אין די "בוטשער סטארס" און זיי וועלן זעהן אז פראקטיש זאל דער ניקור ווערן אויסגעפיהרט גוט, אויף די, וועט זיין הרב ...... פון מאנסי ....... [מונים שמות הרבנים הצעירים שילמדו ניקור].

## לג

## יו"ר שואל מה התיקון על אתרז

יו"ר: יא, יא, איך וויל נאך אמאל איבערחזרן, איך וויל נאך אמאל איבער חזרן וואס מ'האט היינט אויף געטאן ..... (מדברים).

אחד אומר למשהו (בלחישה): אידן עסען, אידן עסען, מ'ווייסט נישט וויפיל צו עסען און וואס צו עסען. ..... מען ווייסט צו אידן עסען

כשרים? מען זאל שטעלן פראוועזאריש אויף על אתר וויפיהל מעגען לע״ע די אלע [עוד רבנים מדברים].

יו״ר: האללע שוין נאך אמאל, נאך אמאל, א רגע נאך אמאל איבערחזרן ......דא על אתר ברויך מען אויכעט נאך אמאל בשיטה אחרונה (וויכוחים ... מדברים).

תשובה: די התאחדות געם נישט קיין השגחות ..... זאלן יא אמאל יא האבן א השגחה.

## לד

## מסבירים לבעל מכשיר — אופן של תיקון

רב אחד אומר לרב בעל מכשיר: דאס קען מען יא בעטען ......... [ראש הקצבים], סוכ״ס איז דאך אזוי, דער ר' ..... ......, איז דאך זייער א פיינער איד, קיינער איז נישט מחולק אויף דעם, און ער קען ניקור, און ער איז מנקר, יא, שוחטים זענען דאך אויך וואוילע אידן, יא! ווען דעם גייט מען דאך, מזמן לזמן, און מ׳באקוקט דאך די חלפים, אזוי ווי דער חת״ס זאגט אזוי — — — די זענען ערליכע אידן און אמאל אמאל באקוקט מען, **סוכ״ס א בעל מלאכה מעג זיין דער גרעסטער ערליכער איד, ער שטייט טאג בא טאג שעה׳ן ווייז און ער ארבעט, איז עלול אמאל, א מענטש איז דאך נישט אלע מאל אייניג.**

**וואלט דער ....... רב געדארפט מזמן לזמן נעמען א צווייטן מנקר,** אז דער איד נישט קיין חילוק צו ער הייסט ר' מענדל צו ער הייסט ר' יאנקל צו ער הייסט ר' משה ס׳איז נישט קיין נפקא מינה, איך מיין נישט דעם פערזאן, **אז ער זאל וויסען אמאל אמאל אז מ׳קוקט איהם נאך, דאס האלט איך וואלט געווען א גרויסער תיקון** (מדברים)[23]

## לה

## א) לא מניחים את הרבנים לכנוס לבית המטבחיים. ב) על אחריות שלי א״א לאכול!

רב אחד שואל: ........... רב אנטשולדיגט, איך וויל אייך פרעגן א

[23] אם לא מצאו כלום מה צורך בבקשה זו וד״ל



שאלה למעשה, מיר דאכט זיך אז די רבנים ואני בתוכם, אז מען וויל זיך אויסלערנען זאך, לכה״פ ביז מען דאך האבען דארף דויערן 3 חדשים, בין איך גערעכט?

איך מיין אפילו מ׳זאל זאך אפגעבען ..... ווי אזוי ..... איין מינוט אנטשולדיגט ..... איך מיין נישט די הלכות דוקא, ביז מ׳קומט דאך נישט — מען קען דאך נישט יעדען טאג קומען און דאס ..... איז אזוי איך וויל אייך שטעלן די שאלה.

בעל מכשיר: **איך זאג אייך אפען, אין שלאכט הויז לאז איך קיינעם נישט אריין דאס איז שטרענגסטן פארבאטן**[24].

— **נישט פאר מיר — — — די פלאטץ וואס די בהמות לויפן און גייען דאס איז נישט פארהאנען.**

שואל: אבער אין פריזידער קען מען אריינגיין?

תשובה: **עס איז נישט פארהאנען, עס עקזיסטירט נישט.**

שואל: וואס דארף מען זעהן דעם חלק אחוריים? דעם חלק אחוריים איז נישט?

השואל: וואס איך וויל פרעגן איז דאס, איך זאג נישט, אנטשולדיגט, איך האב נישט געענדיגט מיין שאלה (מדברים), איך האב נישט געענדיגט מין שאלה, איז גוט, איז 10 וואכן, עכ״פ ס׳געדויערט צייט, ווייל מען מוז דאך מאכן אזאך בשלימות, געדויערט דאך צייט, איז ביז וואס ווען, קען מען זאגן אז מ׳קען עסין, יאכלו ענוים וישבעו? אדער זאל מען זאגן, אז — — — [עוד אחד מדבר].

רב א׳ משיב: ר' ....... ר' ....... מ׳פרעגט מיך, זאג איך אזוי, ס׳קיין איסור איז נישט נתברר געווארן, און ווער עס, האט געגעסין ביז היינט אז מען קען די רבנים המכשירים, **אויף זיין אחריות, יעדער קען עסען אויף יענעמ׳ס אחריות, אויף מיין אחריות קען קיינער נישט עסען** (וויכוחים גדולים).

[24] הסברים מיותרים ה׳ ירחם.

## לו

## החלטת בעל מכשיר והמזכיר — לטשטש המוחות לע״ע בקו״ק של שקר

**אחד שואל:** מען גייט אוועק פון דא, ...... מען וועט מאכען א תיקון ..... דריי חדשים? דריי חדשים, א תיקון? **דער תיקון דארף זיין על אתר, א תיקון על אתר דארף מען זעהן.**

**בעל מכשיר א׳:** טארעטיש פראקטיש דארף זיין אזוי, איהר וועט זיך פארבידען מיט דעם ...... רב און איהר מיט ....... רב און אנהויבען צו גיין יעדער איינער היינט די וועלען גיין דע צוויי יעדען טאג קען מען גיין צו ......

**בעל מכשיר ב׳:** צו ...... קען מען גיין יעדען טאג, אבער נישט אלץ דער זעלבער איך וועל שוין זעהן צו ארדען וועלכע טאג וועלכע...

**שואל:** מארגן, קען מען שוין זעהן? (וויכוחים .....).

**בעל מכשיר א׳:** דאס איז נישט קיין שלעכטע פלאן, ער זאגט אזוי, אז מ׳זאל ארוים געבן אז דערווייל, אז מ׳האט פעסט געשטעלט אז די האבן נישט קיין ממשות און יעדער איינער איז בחזקתו, אז איינער האט געקויפט בא ........ זאל נישט קויפן, אונז געבען נישט קיין הכשר פאר קיינעם נישט, ווער ס׳האט געהאט א הכשר ביז איצט, איז כמו שהיה.

**המזכיר של ההתאחדות:** הכל כבחזקתן, וואס? ווער ס׳האט געקויפט זאל ווייטער קויפן.

**המזכיר:** זאגט איר די מסקנא, זאגט איר אזוי — דע וואס האבן געקויפט, ביז דערווייל אין די בוטשערים האט מען געטראפן אויף די אידן יראים ושלמים ..... סתם נאר א בלבול.

**רב א׳: איך זאג עפעס אנדערש, די זעלבע רבנים, וואס זענען דן, זאלן אויסארבעטן א קול קורא, פ׳איז** ...... א קול קורא א נוסח זאג א נוסח ..... זעלבע פאר טעג.

**מזכיר:** זאגט א החלטה, אז עס זיצען א מיטינג, מען קען שרייבן אן



אנדערע זאך, אז עס זיצען א מיטינג, מען האט געזעהן[25] **עס איז דאך צוזאם געקומען אזויפיהל און אזויפיהל רבנים און מ׳האט געזען, אז דעם ענין פון ערעור האט מען נישט געטראפן קיין ממשות במילא איז נישט איתרע חזקתן, אין דעם מ׳זאל האבן א חשש געטראפן חלילה מכשיל זיין אידן מיט חלב**[26].

ווייטער וועגען דעם אויף להבא[27] **עט מען מאכן א סדר וועגן דעם אז מ׳זאל זיין א משגיח** (מדברים) געמאכט, דעים קען מען זיכער שרייבן, מ׳האט נישט געטראפן .....

שרייבן א בריעף ..... וויכוח ארוך מאוד ובלתי אפשרי להבין הערבוביא.

**תם ולא נשלם בעווה״ר, ה׳ ירחם**

---

[25] אחר כל הנ״ל יבין הקורא מעצמו מה שראו.

[26] אחר כל הנ״ל שנתגלה והודו על מכשולות נוראות והרבה קלקולים כו׳, נעשה החלטת האסיפה סך הכל ״שלא מצאו כלום ולא איתרע חזקתן״, וכן נתפרסם באותה שבוע בקול קורא (דער איד בראשית), א] ש״לא נתברר לנו שום יסוד לערעורים הללו, ולכן כל מקולין בחזקתן הראשונה עומדים״. ב] וש״הסדר הניקור הנהוג פה במדינתנו הוא כפי שנהגו בקהלות קדושות משנים קדמוניות״ כו׳. (והכשירו בזה כל החניות של כל המדינה), ודו״ק.

[27] פי׳ על להבא יעשו תיקן של השגחה ולע״ע, ישקיטו הרוחות. ה׳ ירחם!

דאקאמענט 2

# התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

# CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

85 Division Avenue
Brooklyn, N.Y. 11211
384-6765

יום ג' לסדר קרח, א' תמוז שנת תשמ"ב לפ"ק.

**ישיבה שני' אודות "ניקור"**

אחרי משא ומתן ודיונים, הוחלט להציע כדלהלן:

א. להודיע לרבנים המכשירים ולהזהיר לכל העוסקים במלאכת ניקור, שיש הזנחה רבה[1] בניקור הכבד שיש בו[2] חשש חלב הכליות.

וכמו כן יש חסרון ידיעה בניקור היותרת הנקרא "דיקע טענדערליין" שיש חתיכת חלב סרוך בו[3] וקרומים מב' הצדדים.[4] וגם החלב שתחת הקרום.

המשתמשים עם השחול ידעו שצריך ניקור היטב.[5]

ב. אודות הבשר שאחר צלע י"ב, היות שברוב קהלות ואפילו במדינת אונגארן לא נטלו בשר זה,[6] לכן צריכים לכה"פ איזה[7] השגחה שינקרו הבשר הזה היטב.

ג. בשר שתחת הצלעות מקום הקרום הלבן העב, היות ולפי[8] הרבה שיטת פוסקים ראשונים ואחרונים יש בו חשש חלב גמור, ע"כ נכון לנקר כל החלב שתחת הקרומים.

ג.ב.

כ"ק אדמו"ר הגאון הצדיק ..... שליט"א .......... של התאחה"ר, החליט לתקן כל האמור לעיל, באשליז שלהם.

1 הודאת בעל דין.

2 לא חשש רק לפעמים נמצא שם חלב הכליות ממש שהוא דאו' לכו"ע.

3 חלב דאורייתא לכו"ע.

4 לצד הבני מעיים הוא אסור לכו"ע בלי חולק.

5 יש בו חלב דאורייתא.

6 ואי"כ למה משתמשים בו כאן.

7 מה הכוונה "באיזה" השגחה?. ובאיזה השגחה היאך מתירים להשתמש בו גם אלו שבאים מאותן "רוב המקומות" שלא השתמשו בו, ועוד קושיות ע"ז עי' בח"ב ענין י"א.

8 מעלימים שיש שם בין הקרומים גם חלב שאסור לכו"ע בלי מחלוקת (עי' ח"ב כ"ב ענינים)

**מכתב זה הוא סתירה גלוי' נגד מה שפרסמו אח"כ שאין שום יסוד לערעור, ושכל הערעור יסודה בשקר. גם הוא סתירה למה שאמרו ברבים אשר בקיץ הי' המדובר רק מצלע י"ב ומסדר ניקור, אלא מפורש נכתב הזנחה רבה וחסרון ידיעה והמדובר הוא מחלב דאורייתא.**

## דאקאמענט 3

א) שני רבנים נכבדים וידועים (מהמשתתפים על האסיפה) הופיעו בעצמם בבית הדפוס לבטל הכרוז, ולא נשמעו דבריהם והכרוז יצא בהכתב עת המכונה "דער איד".

ב) אותן שני רבנים הוציאו הכחשה על הכרוז הנ"ל וז"ל ההכחשה.

**למען האמת אודות המודעה בהעתון "דער איד" אודות ניקור החלב**

היות שאתמול הוחלט באסיפה ע"י הרבנים הגאונים מ....... ומ....... ומהדומ"ץ דקהלת ....... בשם אביו ....... בהסכמת אדמו"ר מס....... שלא לפרסם לעת עתה המודעה של ההתאחדות הרבנים בהעתון, מטעם הכמוס, והמנהלים מדעת עצמם החציפו ועשו מה שעשו ע"כ ידעו הציבור הרחב שהמודעה של התאחדות הרבנים בלי שום חתימה אין לה שום תוקף ועוז.

יום הי' לס' בראשית תשמ"ג

הכותבים בצער עמוק

ג) ההכחשה יצאה בלי חתימת שם.

ד) הרבנים השיבו לשואלים, שכל העיר יודע מזאת ההכחשה וגם יודעים שאינו "פאשקעוויל" אלא כתב שיש לו תוקף אע"פ שלא נחתמה.

**ה) זאת, שההכחשה יצאה בלי חתימת שם הוא הקשה שבכולם — זה מורה עד כמה הרבנים תחת טעראר ופחד ואי אפשר להם להגיד בגלוי מה שרוצים, ולמצב כזה קוראים היום "כשרות", ושיש רבנים שיכולים לסמוך עליהם, וזהו מה שקוראים "אמת".**

## (אגרות ומאמרי החפץ חיים דף רנ"ג מכתב קי"ד):

אל כבוד האלופים הנכבדים יראים ושלמים העומדים לימין דתנו העוסקים בדבר מצוה גדולה להציל מאות יהודים כשרים מלהתגאל במאכלות אסורות ה"ה הר"ר נחום ראזענפעלד והר"ר אברהם פשעפיורקאָ והר"ר שמחה בונם ראָטענבערג והר"ר דוב ווײדענפעלד והר"ר יואל אונגער והר"ר בנימון זאב הענדלעס ועוד כמה אנשים נכבדים יקרי ערך העוזרים והמסייעים בנדבתם ובכחותם, לדבר מצוה רבה הזו, ד' עליהם יחיו.

הנה שמעתי שמע"כ מתעסקים בדבר עשיית בית תבשיל (קיך) שהרשה הממשלה לעשות לצורך אנשי החיל היהודים שלא יוכרחו לאכול מאכלות אסורות ולא להתגאל באכילתם ושמחתי מאד בראותי כי מע"כ לקחו ע"ע לעסוק בזה כי ענין גדול וקדוש הוא [כי ידוע שע"י המאכלות אסורות של יום א' ואפילו של סעודה אחת יוכלו להצטרף כמה מאות לאוין ועשין וחייבי כריתות ובפרט בחודש אחד ומכש"כ חדשים אחדים יתקבצו כמה וכמה מאות לאוין ועשין וחייבי כריתות בכללם. כי מצוי בתבשיליהם ג"כ חלב ודם שיש ע"ז חיוב כרת ובפרט שארי לאוין כמו בשר חזיר ונבילה וטריפה וכה"ג] וכמה גדולה הנחת רוח לפני הקב"ה בראותו כי בניו נצלים בהשתדלות מע"כ מכמה מאכלות אסורות * ומלה"ד לאב שיש לו בן שעובד בצבא ונמצא אחד ממכיריו שמשתדל עבור בנו שלא יהיה מוכרח לאכול מאכלות אסורות וטריפה ובשר חזיר וכדומה, ומזמין לו מאכל כשר מדי יום ביומו, בודאי אין לשער את התודה והתשואות חן שנותן האב למכירו בזה שמציל את בנו מדברים אסורים כאלו, כן הדבר בעניננו, בנים אנו להקב"ה כדכתיב בנים אתם לד' אלקיכם וכמה צער יש לו להקב"ה שבניו מתגאלים במאכלות אסורות וכשנמצאים אנשים שמשתדלים להאכילם מאכל כשר אין לשער את גודל השמחה והנחת רוח שיש לו להקב"ה מזה, **ונאמן הוא לשלם שכר טוב בעוה"ז ובעוה"ב לכבודם ולכל המנדבים והמתעסקים בזה כדכתיב (תהלים) היטיבה ד' לטובים, אשריכם ואשרי חלקכם שזיכה הקב"ה אתכם במצוה רבה הזו מחלקכם יהא חלקי.**

והנה באמת בענין קדוש כזה הלא היה צריך להתרבות אנשים מתעסקים ומתנדבים, כמו שמצוי בעסק גדול שמביא ריוח הרבה נמצאים הרבה אנשים שמתחזקים ג"כ לכנוס ולקחת חלק בהעסק. ולדאבוני שמעתי כי הענין הזה הולך ברפיון, וסיבת הדבר הוא מפני צוק העתים, אבל צריך על כל אדם לדעת כי כעת שכר מצוה כזאת גדולה כפלי כפלים מבעת אחרת, **כי לפום צערא אגרא ולהיפך אותן האנשים שיש ביכולתם לעזור להעסק הזה הן בממונו והן להרבות חבירים לענין זה ומתרשלים בזה, יהיה עליהם תביעה גדולה לע"ל.** וראיה לזה מצינו בירושלמי דמו"ק והובא דבר זה להלכה בפוסקים דאבל תוך ז' ימי אבילותו אסור בעשיית מלאכה ואם אין לו מה לאכול מיום ג' ואילך מותר, אבל אמרו חכמים תביא מארה לשכיניו שהצריכוהו לכך, והנה נחזי אנן איסור מלאכה לאבל הוא רק איסור דרבנן ומ"מ אמרו חכמים שאפילו הוא מוכרח לזה דאין לו מה לאכול דמותר במלאכה אבל תבוא מארה לשכיניו על שלא עזרו בידו שלא להצטרך לעבור ע"ז. **ומכש"כ עניננו במאכלות אסורות שזהו איסור דאורייתא ויש ע"ז כמה לאוין ועשין וחייבי כריתות כמה אנו מחוייבים להחזיקו ולעזרו שלא יצטרך לעבור ע"ז שלא יהי' ח"ו מארה למי שיש בידו לעשות ואינו עושה.**

ויותר מזה, הנה ידוע דכל ישראל ערבים זה בזה כמו שמצינו אחד התוקע בשופר וכולם יוצאים בזה וכן בקידוש והבדלה וקריאת מגילה וכה"ג שאחד מוציא חבירו והטעם מפני שכל ישראל ערבים זה בזה ועליו מוטל לעשות שגם לחבירו יהיה המצוה הזו, ואם אחד עושה מצוה יש לו להשני זכות גדול בהמצוה, ולהיפך אם אחד עובר עבירה ויש ביד השני למנוע מזה ואינו מונעו יש לו ג"כ חלק בהעבירה זו. **ולפי"ז אם אחד יש בידו למנוע להרבה אנשים מישראל שלא לאכול מאכלות אסורות ואינו חושש לזה בודאי יהי' לו לע"ל תביעה ע"ז, ויחשב לו כאילו בעצמו ג"כ אכל מאותן המאכלות.** וע"ז אנו מבקשין באבינו מלכנו, מחה והעבר חטאתינו ופשעינו מנגד עיניך, ואח"כ אנו מבקשים מחוק ברחמיך הרבים כל שטרי חובותינו. והנה כיון שכבר נמחה חטאתינו, מאין לנו שטרי חובות חדשים, אלא הכונה כמו שביארנו דכל ישראל ערבים זה לזה ויש לאדם שט"ח של ערבות על עונות חבירו שהיה בידו למנעו ולא מנע.

**והנה כל זמן שלא הי' בידינו לתקן דבר זה היינו אנוסים אבל עתה שהממשלה בחסדה מרשה ותומכת עוד לתקן דבר זה, בודאי חיוב גדול עלינו להשתדל בכל מאמצי כחינו ולראות שיצא הענין בכי טוב. כי אם נתרשל ח"ו כעת ולא נראה לתקן הדבר, יהי' לע"ל תביעה גדולה על כל מי שהיה בידו לעשות בזה ולא עשה ויתבעו ממנו על כל מאכלות אסורות על כל כזית וכזית שאכל, ויעמוד משתאה ומשתומם דידוע לו שמעולם לא אכל ממאכלות אסורות, ויענו לו אף שאתה בעצמך לא אכלת אבל איש פלוני ופלוני אכל מהם ובידך היה למנוע ממנו המאכלות אסורות ולא חששת לזה, ע"כ באה עליך הצרה הזאת, כי כל ישראל ערבים זה לזה ובכן הנך ערב על אותן המאכלות שאכל פלוני ופלוני על ידך.**

ע"כ אחי ורעי בראותנו את גודל הענין הזה ורוב האחריות המוטל עלינו, כל אחד ואחד שיש בכחו ובידו לעשות דבר מה מחוייב לעשות הענין הזה הן בגופו והן בממונו ולא יתעצל, כי דבר זה נוגע לו לעצמו וכנ"ל.

וזכות המצוה הגדולה הזאת יעמוד לכל העושים והמעשים ויריק ד' עליהם ברכה והצלחה בכל עניניהם.

**ישראל מאיר הכהן**

# אזהרת החפץ חיים זצ״ל

## (בספרו דבר בעתו)

**וזל״ק:** ומה מאוד יתמרמר על זה שבדבר תוכחה קלה הי׳ יכול להסתלק מכל אלו הדינים. ואל יתפתה בנפשו לומר, שבודאי לא יהי׳ הדין עליו לבד, כי אינו יחיד בעירו. כי לעומת זה תדע, כשנתחייב אדם בערבות גדולה לכמה עשרות אלפים דינרים אפילו נתערבו אתו עוד כמה אנשים, מיהו כשמגיע לזמן התשלומים, אפילו אם יגיע עליו רק חלק מן הערבות, הוא עולה גם כן לסכום גדול, אשר יצר לו מאד עי״ז. ואף כאן בענינינו, לפי הידוע שכהיום נתרבה מאוד ענין אכילת איסורים וכאשר תבוא לחשבון, יגיע לאלפי כזיתים של איסור, הנאכלים בשבוע אחד ובמקום אחד וכו׳ וכו׳. וכ״ש אלו האנשים אשר יש בידם לזרז את אנשי עירם להחזיק במצוה זו של קדושת המאכלות, ולמנוע נפשות ישרא׳ מאיסורים והתרשלו, בודאי עיקר האשמה תהי׳ עליהם וכדאיתא בתנא דבי אליהו כל מי שסיפק בידו למחות ולא מיחה ולהחזיר למוטב ואינו מחזיר. כל הדמים הנשפכים אינו אלא על ידו וכו׳.

מיר וועלען מסיים זיין מיט אַ מעשה פון חפץ חיים. אין אַ שטעטעל נישט ווייט פון ראַדין איז פסול געוואָרען די מקוה און האָט קיינעם נישט געהאַרט איר צו פאַררעכטען. איז דער חפץ חיים אַריבער געפאָרען אין יענער שטאָט. קומענדיג אַהין האָט ער געשיקט צונויפרופען די גאַנצע שטאָט אויסרופענדיג אַז דער חפץ חיים איז דאָ און גייט זאָגען אַ דרשה אין שוהל. הערענדיג דאָס, האָט יעדער געשלאָסען די געשעפטען און געקומען הערען דעם חפץ חיים. האָט דער חפץ חיים געזאָגט: רבותי! ווען איך וועל קימען אויף דעם עולם העליון וועט מען מיר פרעגען: וואָס איז דיין נאָמען? וועל איך ענטפערען: ישראל מאיר. וועט מען מיר פרעגען: האָסטו געוואוסט אַז דאָ אין שטעטעל איז די מקוה פסול? וועל איך זאָגען: יע. וועט מען פרעגען: און וואָס האָסטו געטוהן צו דעם? וועל איך ענטפערען: איך בין געפאָרען צו זיי און זיי געזאָגט און זיי האָבען מיר נישט געוואָלט פאָלגען! גיט מיר בכתב אַז איך האָב אייך געוואָרענט!״

רבותי, מיר אַפּעלירען דאָ צו אייך מחזק זיין און צו העלפען דעם ענין נשגב פון כשרות וואָס איז לײדער אַזוי פאַרלאָזט. וועט איהר נישט ענטפערען אונזער אַפּיל איז אנחנו את נפשינו הצלנו ווייל מיר האָבען אייך געוואָרענט און איהר האָט נישט געפאָלגט. וועט איהר הערען און העלפען, וועט איר געבענטשט ווערען מיט די ברכה פון ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת.

---

NON-PROFIT ORG.
U. S. POSTAGE
PAID
BROOKLYN, N.Y.
PERMIT No. 4190